שטראָם, וואָס די שלאַנג האָט אויסגעשפּיגן פֿון איר
17 מויל. און די שלאַנג איז געוואָרן צאָרנדיק אויף
דער פֿרוי, און איז אַוועק מלחמה־האַלטן מיט די
איבעריקע פֿון איר זאָמען, וואָס היטן אָפּ ג־טס געבאָטן
און האָבן דאָס עדות פֿון ישוען.
18 און זי (די שלאַנג) האָט זיך געשטעלט אויף דעם
זאַמד בײַם ים.

## קאַפּיטל דרייצן

1 און איך האָב געזען אַ חיה אַרויפֿשטייגן אויס
דעם ים, האָבנדיק צען הערנער און זיבן
קעפּ, און אויף אירע הערנער צען דיאַדעמען,
2 און אויף אירע קעפּ נעמען פֿון לעסטערונג. און
די חיה, וואָס איך האָב געזען, איז געווען ענלעך
צו אַ לעמפּערט, און אירע פֿיס, ווי פֿון אַ בער, און
איר מויל, ווי דאָס מויל פֿון אַ לייב; און די שלאַנג
האָט איר געגעבן איר גבֿורה און איר טראָן און
3 גרויסע ממשלה. און איינער פֿון אירע קעפּ, ווי
פֿאַרוואונדעט צום טויט; און איר טויטלעכע מכה
האָט זיך אויסגעהיילט; און די גאַנצע ערד האָט
נאָכגעקוקט מיט פֿאַרוואונדערונג אויף דער חיה;
4 און מען האָט זיך געבוקט צו דער שלאַנג, ווייל זי
האָט געגעבן די ממשלה צו דער חיה; אויך האָט מען
זיך געבוקט צו דער חיה, אַזוי צו זאָגן: ווער איז
גלייך צו דער חיה? און ווער קען מלחמה־האַלטן
5 מיט איר? און עס איז איר געגעבן געוואָרן אַ מויל,
וואָס רעדט גרויסע זאַכן און לעסטערונגען; און
עס איז איר געגעבן געוואָרן מאַכט צו טון (אירע
6 מעשים) צוויי און פֿערציק חדשים לאַנג. און זי
האָט געעפֿנט איר מויל צו לעסטערונגען אַקעגן
ג־ט, צו לעסטערן זיין נאָמען און זיין משכן און